בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה

244

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ נַייעֶ דִירָה?......א

זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען אַ נַייעֶ פַּאךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין פַּרְנָסָה? ..ג

אִיז נָאךְ דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער שְׁטוּב? ..........ד

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט, הָאבּ אִיךְ יוֹצֵא גֶעוֶוען
רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?..................................................ז

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ צוּפִיל אָן? ..................ט

גֵיין צוּ חַבּוּרוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קֶען שָׁאטְן פַאר מַיין שִׁידוּךְ?...... יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אוֹיבּ מְ'הַאלְט מִיךְ אוֹיף צוּ לַאנְג ...א

יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ טִיפֶע כַּוָונָה........................א

מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוערְט מֶען נִישְׁט
אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין קַיין מַחֲלוֹקֶת......................................ג

לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם מִשְׁנַיוֹת דַיין גַאנְץ לֶעבְּן .......................ד

שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט.......................................ד

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גוּט ..........ו

קוּמֶען פוּן אֵייגֶענֶעם ווִילְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא,
אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב......................................................ח

וָואס הֶערְט זִיךְ? בָּרוּךְ הַשֵּׁם! ........................................ ט
זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם .............. י
אַ בַּר מִצְוָה אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח ............................................. יא
דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט
דִיר פָאְרן קַיין אוּמַאן ......................................................... יב
זֶע אַז דִי גֶעסְט זָאלְן גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל ................................ יד
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, מֶען הָאט נִישְׁט
פַארְגֶעסְן פוּן מִיר ............................................................ טו
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דַיין שִׁידוּךְ .. טו
"הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם
פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט ......................................................... טז
לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס נֶעם זִיךְ פָאר צוּ דַאוֶוענֶען
מִיט מִנְיָן אוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא ................................... יז
שַׁדְכָנוּת אִיז אַכְצְן דָאלֶער ................................................ יח
פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אוֹיף דִי עַוְלוֹת פוּן אִיר מַאן? .......... יח
וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן פוּן קִנְאָה ........ כב
עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד אַ צוּמִי ......... כג
אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע ....................... כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ נֵייעֶ דִירָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעדַאנְקֶט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר שְׁטַארְק אוּנְטֶערְן רוֹשֶׁם פוּן דֶעם שַׁבָּת. אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו; אִיךְ נֶעם מַיין גַאנְצֶע חַיוּת נָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר מַיין שֵׁיינֶע אִידִישְׁקֵייט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי גוּט אוּן זִיס אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אַמָאל אִיז עֶס לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פָּשׁוּט שֵׁיין גֶעוָוארְן בִּזְכוּתְכֶם.

אַ צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיים צִיּוּן הַקָדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ, נָאךְ אַזוֹיפִיל בֶּענְקֶען דֶערְצוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָארְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה - אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָטֶעמֶען, וַוייל דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָ"אשׁ אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי הֶרְגֵּשִׁים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פְּרָאבִּירְט.

אִיךְ גֵיי אִם יִרְצֶה ה' אַרִיבֶּער צוּ אַ נֵייעֶ דִירָה אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג, אִיךְ הָאבּ אַ קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה, מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן פַארְשִׁידֶענֶע סְגוּלוֹת וָואס מֶען דַארְף טוּן

אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ נַייעֶ דִירָה; מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף עֶס טוּן. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע הַדְרָכָה אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז פַארְנוּמֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי מִיט שִׂמְחָה אִין דַיין נַייעֶ דִירָה; דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה אִיז דִי מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן קְבִיעוּת מְזוּזָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה פַאר דִי דִירָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּקּוּן י', דַף כה.) "מְזוּזַת" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "זָז מָוֶת", דִי מְזוּזָה הִיט דִי שְׁטוּבּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בְּרֶענְג אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר שְׁמִירָה, עֶס הִיט אָפּ דִי שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנה): "כִּי סְפָרָיו הֵם שְׁמִירָה גְּדוֹלָה בְּבַיִת לִשְׁמֹר", זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען אַ שְׁמִירָה פַאר דִי שְׁטוּבּ, "גַּם הָעֲשִׁירוּת וּמָמוֹן הָאָדָם מִכָּל הַהֶזֵּקוֹ", אוֹיךְ זֶענֶען דִי סְפָרִים אַ גְרוֹיסֶע שְׁמִירָה פַאר דִי גֶעלְט, "וְהִזְכִּיר אָז עָשִׁיר אֶחָד שֶׁהָיָה יוֹדְעוֹ וּמַכִּירוֹ, וְאָמַר, שֶׁגַּם אֵלָיו הִיא טוֹבָה גְּדוֹלָה שֶׁיִּהְיֶה הַסֵּפֶר שֶׁלִּי בְּבֵיתוֹ, כִּי יִהְיֶה לוֹ שְׁמִירָה גְּדוֹלָה לְכָל דָּבָר וְשֶׁתִּתְקַיֵּם עֲשִׁירוּתוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמַאנְט אֵיינֶעם בַּיים נָאמֶען, אַן עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן דִי סְפָרִים אִין שְׁטוּבּ, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן רַייךְ.

וְעַל כּוּלָם - נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, זֶע עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.). זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; אַז זִי זָאגְט דִיר עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס אִיז נִישְׁט לְפִי דַיין כָּבוֹד - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ אוּן זַיי אִיר מוֹחֵל.

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ גֶעלְט גֵייעֶר; וֶוען מֶען קְלַאפְּט אִין דַיין טִיר פַאר צְדָקָה - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן לוֹיט דַיין יְכֹלֶת, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ טְרִינְק וְכַדּוֹמֶה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן

(שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ו, יז): "אַ טִיר וָואס מֶען עֶפְנְט נִישְׁט פַאר צְדָקָה - וֶועט מֶען דַארְפְן עֶפֶענֶען פַארְ'ן דָאקְטֶער", הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג עֶפֶענֶען דַיין טִיר פַאר צְדָקָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ הָאבְּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ שִׁיעוּר אִין שְׁטוּב. אֲפִילוּ מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּל, מֶען לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל - דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שְׁטוּב, דָאס הִיט דִי שְׁטוּב. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין יח:): "כָּל בַּיִת שֶׁאֵין נִשְׁמָעִים בּוֹ דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּלַּיְלָה אֵשׁ אוֹכַלְתּוֹ", אַ שְׁטוּב וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּיינַאכְט - וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב - וֶועט דִי תּוֹרָה הִיטְן דַיין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען אַ נֵייעֶ פַאךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, מַמָּשׁ נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען, אוֹיךְ מַיין וַוייבּ פְרֵיידְט זִיךְ אַז אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים, זִי זֶעט דֶעם גְרוֹיסְן שִׁינּוּי לְטוֹבָה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי מִיר.

אִיךְ טוּ עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער יֶעצְט וִויל אִיךְ נֶעמֶען אַ גֶעוִויסֶע קוּרְס זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַ נֵייעֶ פַאךְ, אָבֶּער דָאס וֶועט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין יֶעצְטִיגֶע אַרְבֶּעט, דָאס הֵייסְט אִיךְ וֶועל מוּזְן פַארְפַּאסְן פוּן מַיין אַרְבֶּעט צוּ גֵיין צוּ דִי קוּרְס, אִיךְ וִויל אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס נֶעמֶען. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ פַארְפַּאסְן פוּן דִי אַרְבֶּעט כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין לֶערְנֶען אַ נֵייעֶ פַאךְ, אִיךְ וֶועל דַארְף גֵיין צוּ דֶעם קוּרְס צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ פַאר אַ יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס אַ פַּאךְ צוּ קֶענֶען אַרְבֶּעטְן פַאר זִיךְ, נִישְׁט דַארְפְן זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַן עֶבֶד לַעֲבָדִים.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט לֶערְנֶען אַ פַּאךְ אִין דִי צַייט וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַאר אֵיינֶעם; דָאס דַארְפְסְטוּ פְרֶעגְן אַ דַיָּין אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פַאר וֶועם דוּ אַרְבֶּעטְסְט - אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט אַרָאפְּנֶעמֶען צַייט פוּן דַיין אַרְבֶּעט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַ פַּאךְ.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן; לֵייג אַרוֹיף אַ פִּילְטֶער אוֹיף דַיינֶע כֵּלִים. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, טו): ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״, ׳יְשַׂבֵּרוּ׳ - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין: ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׁבֵּרוּ״, אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - דָאס הֵייסְט מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, ״וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז נָאךְ דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אִיבֶּער זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, מִיר הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער מַיין מַאן הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין טְשֶׁעפֶּען אַלֶע יָארְן, עֶר הַאלְט אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע אוּן עֶר קְלַאפְּט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ, אִיךְ פִיל אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ וֶועל זִיךְ מוּזְן גֶטְ'ן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ טֶערֶעפִּיסְט, יֶענֶער הַאלְט אַז מַיין מַאן אִיז אַ נַארְסֶעסִיסְט, אַ

מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט נָאר זִיךְ אַלֵיין און קֶען נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין און הָאבְּן מִטְגֶעפִיל מִיט אַ צְוֵייטְן. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ וִויל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, צֶעקְלַאפְּט עֶר מִיר זַייעֶר שְׁטַארְק.

עֶר הָאט גֶעלְט און עֶר הָאט אַ גוּטֶע מוֹיל, און אַזוֹי פַארְנַארְט עֶר מֶענְטְשְׁן, עֶר רֶעדְט אַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אַז אִיךְ בִּין גָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר פְּרוּבִּירְט צוּ הֶעלְפְן, אָבֶער יֶעדֶער הָאט מוֹרָא פוּן אִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אַפֶּערַאצְיֶע אוֹיף אַ גֶעוואוּקְס אִין מֹחַ לֹא עָלֵינוּ, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן אַז זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, וֶוען בֶּאֱמֶת הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעעֶפְנְט אַבִּיסְל מַיינֶע אוֹיגְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶר נוּצְט מִיר אוֹיס, עֶר מַאכְט מִיר צוּ שַׁאנְד און צוּ שְׁפָּאט.

וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִים גֶעהָאלְפְן און אִים גֶעבָּארְגְט שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, עֶר הַאלְט אָבֶער נִישְׁט בַּיים צוּרִיק צָאלְן, און וֶוען אִיךְ בְּרֶענְג אַרוֹיף דִי נוֹשֵׂא, וֶוערְט עֶר מַמָּשׁ ווִילְד, אַנְשְׁטָאט זֵיי צוּ שֶׁעצְן אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהָאלְפְן, רַייסְט עֶר זֵיי אַרָאפּ, עֶר רֶעדְט אוֹיף זֵיי, אַז זֵיי זֶענֶען קַמְצָנִים און אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר הָאט גֶענוּג גֶעלְט, עֶר הֶעלְפְּט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִיל עֶר נִישְׁט בַּאצָאלְן.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַלֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אִיךְ בִּין דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן, עֶס אִיז מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר אַלְץ אוֹיסְגֶענוּצְט, און יֶעצְט וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין וַוייטֶער; אִיז נָאךְ דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער שְׁטוּבּ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיגֶעלֶע; אַז אִיר וֶועט שְׁמֵייכְלֶען צוּם שְׁפִּיגְל - וָואס וֶועט אִיר זֶען? אִיר וֶועט זֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק; אַז אִיר וֶועט אַרַיינְקוּקְן שְׁטְרֶענְג אִינֶעם שְׁפִּיגְל - וָואס וֶועט אִיר זֶען? אִיר וֶועט זֶען וִוי אֵיינֶער קוּקְט צוּ אַייךְ שְׁטְרֶענְג, - פוּנְקְט אַזוֹי אִיז

דָאס לֶעבְּן; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים, אִיר וֶועט אִים גֶעבְּן כָּבוֹד - וֶועט עֶר אוֹיךְ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַייךְ, עֶר וֶועט זַיין גוּט צוּ אַייךְ, אוּן אַז אִיר וֶועט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, אִיר וֶועט מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים, אִיר וֶועט אִים טְשֶׁעפֶּען - וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ אַייךְ פּוּנְקְט אַזוֹי.

רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, רֶעדְט צוּ אִים בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד - וֶועט אִיר זֶען וְוִי עֶס וֶועט גֶעשֶׁען אַזוֹי וְוִי אַ נֵס, עֶר וֶועט פְּלוּצְלוּנְג אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיין. לָאזְט אָפּ דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַלְטֶע זַאכְן. וָואס דַארְפְט אִיר מָאנֶען פוּן אַייעֶר מַאן דִי גֶעלְט וָואס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים פַארְבָּארְגְט? וָואס דַארְפְט אִיר אָנְצִינְדְן אַ פֵייעֶר? אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְן צוּרִיק דָאס גֶעלְט - זָאלְן זֵיי אִים בֶּעטְן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ; אִיר זָאלְט שְׁטֵיין וַוייט פוּן זַיין פַארְמִישְׁט צְווִישְׁן אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר שְׁרַייבְּט: "עֶס אִיז מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען", דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; וְוִי קֶען אַ אִיד זָאגְן: "עֶס אִיז מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען"? אַז מֶען וֶוערְט פַארְקְלֶעמְט, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה - בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן הֶעלְפְן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "עֶס אִיז מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז נָאר גוּטְס; אַסַאךְ מָאל אִיז פַארְשְׁטֶעלְט דָאס גוּטְס, עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן: "עֶס אִיז מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען".

אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער - זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס קְלֵיינֶע בְּרֶעקֶעלֶעךְ פוּן גוּטְס; זוּכְט אוֹיף אִין אַייעֶר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע לֶעבְּן עֶפֶּעס אַ פִּינְטֶעלֶע וָואס עֶס אִיז אַייךְ יָא גוּט, טְרַאכְטְס פוּן דֶעם אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף - וֶועט אִיר פְּלוּצְלוּנְג טְרֶעפְן נָאךְ אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, אוּן נָאךְ אַ בְּרֶעקֶעלֶע, בִּיז אִיר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט אַייךְ וֶוערְן אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן לֶעבְּן, מֶען זָאל זוּכְן גוּטְס; אַ

מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע טֶעג, צָרוֹת וְיִסּוּרִים, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דֶעם עֶפֶּעס גוּטְס. דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט, הָאבּ אִיךְ יוֹצֵא גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִינֶעם בִּנְיָן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּם יוֹם טוֹב בַּיים צִיּוּן, אָבֶּער נָאכְהֶעלְץ שְׁפִּיר אִיךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, וַוייל דֶער בִּנְיָן אִיז אַזוֹי וַוייט אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט, אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס וֶוערְט נָאךְ גֶערֶעכְנְט וִוי אוּמַאן; הָאבּ אִיךְ יוֹצֵא גֶעוֶוען דָאס זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה

לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה און עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; כָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, הָאסְט גֶעדַאוֶוענְט דִי תְּפִילּוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאסְט גֶעהֶערְט דִי תְּקִיעוֹת, דִי דְרָשׁוֹת און דִי שִׁיעוּרִים בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, - דַארְפְסְטוּ דָאךְ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר און אַלֶע יָארְן זָאלְסְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט (יוֹצֵר לְשַׁחֲרִית, יוֹם ב): "שְׁלַחְתִּי בְּמַלְאֲכוּת סֶגֶל חֲבוּרָה", אִיךְ בִּין גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁלִיחוּת פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ חֲבוּרָה, "שׁוֹמְרֵי אֱמוּנָתְךָ וּמְיַחֲדֶיךָ בְּמוֹרָא", אַ חֲבוּרָה וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, און זֵיי אֵיינְצִיגְן דַיין נָאמֶען; דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ שְׁטֵיי דָא בִּשְׁלִיחוּת פוּן אַ גְרוּפֶּע פוּן אֱמוּנָה, אַ גְרוּפֶּע וָואס לֶעבְּט מִיט דִיר, אַ גְרוּפֶּע וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם".

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען זָאגְט דָאס אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וָואס דִי גַאנְצֶע מִנְיָן, דִי גַאנְצֶע קָהָל, כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ - אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, אַ גְרוּפֶּע צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר אֹרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ה): "הֵם הַצַּדִּיקִים הַגְּנוּזִים, צַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁבְּדוֹר הַזֶּה"; תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זֵיי זֶענֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקֵי הַדּוֹר; זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת און טוּעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס ווִילְן.

מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשע״ב נָאךְ תְּפִלַּת שַׁחֲרִית: ״ווִיסְן זָאלְסְטוּ, זַייט עֶס אִיז דָא אַ קִיבּוּץ בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא קִיבּוּץ; דֶער רֶבִּי אִיז דָא, רֶבִּי נָתָן אִיז דָא, אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען דָא״; עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ דַאוֶונֶען פַארְ׳ן עָמוּד אוּן דִי בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן דַאוֶונֶען. מוֹהֲרָא״ש אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט, נִישְׁט פַאר דֶעם אוּן נִישְׁט נָאכְדֶעם. זַיי פְרֵיילִיךְ.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ צוּפִיל אָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק, מִיר וואוֹינֶען נֶעבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבְּן זֵיי אוּנְז אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן קוּמֶען עֶסְן בַּיי אוּנְז נַאכְטְמָאל, אוּן צוּמָאל קֶענֶען זֵיי שִׁיקְן צוּ אוּנְז אַ קִינְד צוּ שְׁלָאפְן אָן פְרֶעגְן פְרִיעֶר, אוּן דָאס שְׁטֶערְט אוּנְז אַבִּיסְל.

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ הֶעלְפְן אוּן זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט, אָבֶער נִישְׁט וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזוֹי אָפְט. אוֹיךְ שְׁטֶערְט עֶס אַבִּיסְל אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל מַיין מַאן לוֹיפְט אַרוּם אַיינְקוֹיפְן אַסַאךְ אוֹיפְאַמָאל, אַז עֶס זָאל זַיין גֶענוּג פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער עֶס נוּצְט זִיךְ אוֹיס פִיל שְׁנֶעלֶער וַוייל מִיר דַארְפְן כְּסֵדֶר אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן. אוּן בִּכְלַל ווִילְן מִיר בּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, מִיט אוּנְזֶער פְּרִיוַואטְקֵייט.

מִיר שְׁפִּירְן אַז מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט דוּרְךְ זֵיי, פָּשׁוּט וֶוען זֵיי זֶענֶען פוּיל צוּצוּגְרֵייטְן נַאכְטְמָאל קוּמֶען זֵיי אַרַיין צוּ אוּנְז עֶסְן. זֵיי לַאדֶענֶען זִיךְ אַלֵיין אַיין צוּ אוּנְז, אָן דֶעם וָואס מִיר זָאלְן זֵיי רוּפְן פְרִיעֶר.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן דֶערְוֶועגְן? אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְפְן מִיר קוּקְן דֶערוֹיף מִיט אַן אַנְדֶערְן בְּלִיק?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ דִי עֶלְטֶערְן, - אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, "גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם, שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; גֶעוַואלְד, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָּאר, מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "בִּיז וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר וָואס מִיר דַארְפְן לַיידְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן?" חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה, "רֹאשׁ פְּטַרְבּוֹלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶערַאלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוּרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן דִי שִׁיךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי שִׁיךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין. מִיט דֶעם הָאט זֵיי רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נִישְׁטָא קֵיין שִׁיעוּר, מֶען אִיז מְחוּיָב מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער".

נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אוּן דַיין וַוייבּ דִי אַלְטֶע פְרוֹי; וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף עֶנְק? וֶוער וֶועט טְרַאכְטְן פוּן עֶנְק? אַייעֶרֶע קִינְדֶער

וֶועלְן אוֹיךְ פַארְמַאכְן דִי טִיר אוּן זָאגְן: "מִיר ווִילְן לֶעבְּן פְּרִיוַואט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי וְכוּ' וְכוּ'".

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶפְנְט אֵייעֶר טִיר פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; טוּט עֶס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. מַאכְט אַייךְ אַ שֵׁיינֶע פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, אִיר, אַייעֶר מַאן מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן; עֶלְטֶערְן נֶעמֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי פְּרִיוַואטְקֵייט, עֶלְטֶערְן מַאכְן דִי לֶעבְּן מֶער זִיס, מֶער קָאוֹזִי; זָאגְט אַייעֶר מַאן זָאל אַיינְקוֹיפְן עֶסְן פַאר אַייךְ אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין צוּ חַבוּרוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קֶען שָׁאטְן פַאר מַיין שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין תּוֹרָה, אַ טַעַם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשׁ, אִיךְ לֶערְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן אִיךְ לֶעבּ אַסַאךְ בֶּעסֶער.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ אַ חַבוּרָה פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן טוּן הֲפָצָה, אָבֶער בָּחוּרִים זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קְלוּג אַזוֹי צוּ טוּן, דָאס קֶען מִיר שָׁאטְן פַאר שִׁידוּכִים. עֶס גֵייט מִיר אָבֶער נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶעבְּן צוּלִיבּ זָארְג פַאר שִׁידוּכִים? וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין לֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיךְ בִּין מְקַבֵּל פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ זָארְגְן וֶועגְן שִׁידוּכִים, אוּן אוֹיפְהֶערְן גֵיין צוּ חַבוּרוֹת אָדֶער מַאכְן הֲפָצָה?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן קוּמֶען צוּ דִי חַבּוּרוֹת - וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן דַיין שִׁידוּךְ, פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן פַארְלִירְט מֶען גָארְנִישְׁט; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען פַּאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דִי שִׁידוּךְ. פוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, אִין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער רֶבִּי אִיז דֶער שַׁדְכָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פט): ״דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, וֶוען דֶער צַדִּיק זָאגְט תּוֹרָה אִיז עֶר מְשַׁדֵּךְ שִׁידוּכִים״; זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אוֹיבּ מְ'הַאלְט מִיךְ אוֹיף צוּ לַאנְג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ ווִיל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ ווִיל קוּמֶען אִין סְקוּל; אָבֶער אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ וְכוּ', מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, מֶען הַאלְט מִיךְ אוֹיף מִיט טוֹיזְנְט שְׁאֵלוֹת - קֶען אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען.

רוֹב שְׁאֵלוֹת זֶענֶען נִיטְאַמָאל קַיין שְׁאֵלוֹת, עֶס אִיז נָאר אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶענְגֶער רֶעדְן מִיט מִיר.

גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ ווִיל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אַסַאךְ מֶער ווִי דִי טִיטְשֶׁערְס ווִילְן, אִיךְ ווִיל דָאךְ אִיר זָאלְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס; דָאךְ הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּמֶען.

...

### יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ טִיפֶע כַּוָונָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַרוֹיסְגֶעבְּן וֶועכֶענְטְלִיךְ דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען

זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי בְּרִיוּ; עֶס גֶעבְּט זַיי אַ פְּרִישְׁקֵייט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס גֶעבְּט זַיי חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דֶער סִיפּוּר וְוִי דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב - הָאט זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט דֶער גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּ זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַוֶועקְפָארְן אוֹיף וַוייטֶע פְּלֶעצֶער צוּ טוּן שְׁלִיחוּתְ׳ן פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מֶער זַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אִיבֶּערְלָאזְן זַיין זוּן שִׂמְחָה בַּיי אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֶיקֶת אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם קִינְד שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אָדְל: "דֶער אִינְגֶל גֶעפֶעלְט מִיר!"

אָדְל הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מֵיינְט צוּ זָאגְן, זִי הָאט אָבֶּער גֶעוּוּסְט אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ בַּאדֵייט; זִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶעחַזֶר׳ט דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר טַאטֶע דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִיר גֶעזָאגְט.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען שִׂמְחָה אִיז גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר, אוּן פֵיגָא דִי טָאכְטֶער פוּן דִי צַדֶיקֶת אָדְל אִיז גֶעוָוארְן גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, הָאט זִיךְ אָדְל דֶערְמַאנְט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר טַאטֶע, וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אִינְגֶל גֶעפֶעלְט מִיר"; זִי הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט: 'פַארְוָואס הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער? מוּז זַיין עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אִיךְ זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם קִינְד'.

אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זַיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן פוּן זַיי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וּבֶן שִׂמְחָה.

**קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען אַ צַדִיק זָאגְט אַ וָוארְט אִיז דָאס מִיט אַ כַּוָונָה, אוּן אוֹיבּ מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶרְן, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי מֵיינוּנְג דֶערְפוּן - אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען טוּט גוּט, מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוערְט מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין קַיין מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, ט): "מְכַסֶּה פֶּשַׁע מְבַקֵּשׁ אַהֲבָה, וְשֹׁנֶה בְדָבָר מַפְרִיד אַלּוּף".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער וֶוערְט נִישְׁט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין קַיין מַחֲלֹקֶת. אֲפִילוּ מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים שְׁלֶעכְטְס אִיז עֶר "מְכַסֶּה פֶּשַׁע", - עֶר דֶערְמַאנְט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטְס, "מְבַקֵּשׁ אַהֲבָה", - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, דֶער אִיז "וְשֹׁנֶה בְדָבָר", - עֶר זוּכְט אַלְץ אִיבֶּער צוּ חַזֶרְ'ן אַלְטֶע וֵוייטָאג, "מַפְרִיד אַלּוּף" - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דֶעם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי אִים; "מְבַקֵּשׁ אַהֲבָה" - מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אוּנְז, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם מִשְׁנַיוֹת דַיין גַאנְץ לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ״חַ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ, מִשְׁנַיוֹת אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנַיוֹת אִיז אַזוֹי וִוי סְטִי״ל וָוא״ל, עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן, מֶען וֶוערְט צוּרִיק אִינְגַאנְצְן רֵיין.

חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, חַבֵר זִיךְ מִיט חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): ״יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא״, דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): ״הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ״, יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבֶ׳ער פוּן עֶטְלִיכֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

שִׁיק אַ גְרוּס פַאר דַיין טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם בָּחוּר; דוּ זַיי אִים נָאר מְחַזֵק, זָארְג נִישְׁט פַאר וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; דוּ דַארְפְּסְט אִים מְחַנֵךְ זַיין, אִים זָאגְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע, מֶען זָאגְט נִישְׁט אַזוֹי פַאר אַ מַאמֶע; חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס, מֶען זֶעט הֶערְלִיכֶע עֶרְלִיכֶע פֵּירוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְשְׁטֵיין וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן מֶער שְׁלָאף, צֶעבְּרֶעך זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי בֶּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר מוּטְשֶׁען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין חֲצוֹת, יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר פַארְשְׁלָאפְן - יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, אָבֶּער עֶס פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר וֵויי טוּן אַז עֶר פַארְשְׁלָאפְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַ גוֹי זָאל אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, דֶער גוֹי פְלֶעגְט קוּמֶען צְוֶועלְף אַזֵייגֶער קְלַאפְּן אוֹיף זַיין פֶענְסְטֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעקְלַאפְּט בִּיז רֶבִּי בֶּער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער כַארַאקְטֶער, פְלֶעגְט עֶר נָאךְ זַיין זֵייעֶר מִיד, נָאכְדֶעם וָואס דֶער גוֹי הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳אִיךְ לֵייג זִיךְ צוּרִיק נָאר פַאר אַפָּאר מִינוּט׳; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן עֶר פַארְשְׁלָאפְט יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַ צְוֵוייטֶע עֵצָה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם גוֹי עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז עֶר קוּמְט אַרוֹיס. פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, וֶוען דֶער גוֹי אִיז גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן רֶבִּי בֶּער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין, הָאט אִים דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק בִּיז דוּ טוּסְט זִיךְ אָן דַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס - אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט"; פְלֶעגְט רֶבִּי בֶּער טַאקֶע אוֹיפְשְׁטֵיין וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט בִּיז וִוילַאנְג עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט

הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ וֵוייטָאג, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר מִיד וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט", שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרֵיי אַזֵייגֶער".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער אוּן אֵיינֶער קֶען שְׁלָאפְן וֵויינִיגֶער. פַארְגֶעס נִישְׁט, דֶעמָאלְט אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פְרִי, נִישְׁט אַזוֹי ווִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען בְּלַייבְּט אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט יָא אוֹיף; שְׁלָאף ווִיפִיל דוּ דַארְפְסְט אוּן עֶס ווִיפִיל דוּ דַארְפְסְט, הָעִקָר וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען אָדֶער טוּן מִצְוֹת אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גוּט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק פַאר דִי חֲדָשִׁים אוּן אַבִּיסְל הַנְהָגוֹת פַאר דִי חֲדָשִׁים.

וֶוען מִיר פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז מִיר הָאבְּן נֵייעֶס, מֶען וַואוּרְט לְמַזָל טוֹב, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן זָאגְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אוּן מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן מִיט אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים דִי וֶוערְטֶער: "יֶעצְט הָאסְטוּ נַיין חֲדָשִׁים צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְג אוּן גוּט, סַיי דָאס וַוארְטְן אוּן סַיי דָאס גֶעבּוֹירְן, אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת", אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס בַּיי מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי

שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"ש, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ"ח אֵבָרִים וְשָׁסָ"ה גִידִים; דִי תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר זֶענְט יֶעצְט אַרַיין אִין דִי חֲדָשִׁים, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הַאלְט שׁוֹין דָא; אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דָא וָואס קוּקְן אַרוֹיס אוּן וַוארְטְן, זֵיי מֵיינֶען יֶעדֶע חוֹדֶשׁ 'אָט אָט גֵייעֶן מִיר וִויסְן גוּטֶע נַייעֶס'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי הֶעלְפְן, אַלֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן פִּיזִישֶׁע אוּן גֵייסְטִישֶׁע כֹּחוֹת. דִי טֶעג זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ, מֶען פְּרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען בַּאקוּמֶען כֹּחַ, מֶען נֶעמְט וִויטַאמִין, מֶען נֶעמְט מֶעדֶעצִין, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין - דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין: 'דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָלוֹם, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת; פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי מֶען וֶוערְט פְּרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט: "**אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ וַוארְט יֶעצְט לְמַזָל טוֹב, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי מַתָּנָה וָואס דוּ גֵייסְט מִיר גֶעבְּן**"; דִי וֶוערְטֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן וִויטַאמִין, מֶעדֶעצִין וְכוּ' וְכוּ'.

צְוֵוייטְנְס, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גוּט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן, מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֲדָשִׁים "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "**עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע**", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְוֶוייניג, צוּם בַּיישְׁפִּיל: **אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ,**

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא״שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכָה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכָה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמֶען פוּן אֵייגֶענֶעם וִוילְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא מִיט הָרַב ... שְׁלִיטָ״א, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיר זָאלְט וִויסְן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): ״יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא״, דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; יֶעצְט אִיז עֶנְקֶער שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן.

דָאס וָואס אִיר קוּמְט מֵרְצוֹנְכֶם הַטּוֹב לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא - אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב. אִיךְ לֶערְן אוֹיךְ מִיט קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְּמָרָא; אִיךְ לֶערְן פָאר יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, עֶס קוּמֶען אַרַיין פוּן חֶדֶר אַפָּאר קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.

פְּרֶעגְט עֶנְקֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אוֹיב אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אַ סִיּוּם מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא; אָדֶער זָאלְט אִיר קוּמֶען קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָדֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ עֶנְק - וִוי אַזוֹי עֶס קוּמְט אוֹיס גְּרִינְגֶער פַאר עֶנְק. אוֹיךְ בֶּעטְס דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר עֶר זָאל אָנְגְרֵייטְן אֵיינְס אָדֶער צְוֵויי קִינְדֶער זָאלְן גֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה בַּיים סִיּוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס הֶערְט זִיךְ? בָּרוּךְ הַשֵּׁם!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

"דִּבְרֵי נִרְגָּן", זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְן, "כְּמִתְלַהֲמִים", אִיז אַזוֹי וִוי קְלֶעפּ, "וְהֵם יָרְדוּ חַדְרֵי בָטֶן", עֶס גֵייט אַרַיין אִינֶעם בּוֹיךְ (מִשְׁלֵי כו, כב).

דָאס קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם וָואס מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט, דָא אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטְס, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען", אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל, מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן יִסּוּרִים אוּן צָרוֹת עֶר זָאל הָאבְּן וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, "דִּבְרֵי נִרְגָּן", - דִי רֵייד פוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן בַּאקְלָאגְן, "כְּמִתְלַהֲמִים", - דָאס אִיז קְלֶעפּ, דִי רֵייד בְּרֶענְגֶען קְלֶעפּ, "וְהֵם יָרְדוּ חַדְרֵי בָטֶן", - דָאס גֵייט אַרָאפּ אִין דִי בּוֹיךְ, מֶען בַּאקוּמֶען קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס הֶערְט זִיךְ? וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס טוּט זִיךְ?" - "בָּרוּךְ ה'! הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב! יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גוּט!" אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט (סֵפֶר תְּהִלּוֹת נָתָן) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, א): "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מִיר גוּט! "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", - דָאס מַאכְט עֶס זָאל קוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חֲסָדִים, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל יָא קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם.

עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג, אַזוֹי גֶעזוּנְט בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת - זִי זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב, זִי זָאל זִיךְ טְרֶעפְן מִיט נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס אוּן הֶערְן שֵׁיינֶע הִתְחַזְקוּת.

בַּיי אַלֶע פְּרוֹיעֶן אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ גֵיין, אוּן בַּיים סוֹף, וֶוען מֶען גֵייט - הָאט מֶען הֲנָאָה. עֶס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער כְּדֵי זִי זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין.

רוֹב שִׁיעוּרִים וֶוערְט נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן הַאטְלֵיין, מֶען שְׁנַיידְט אוֹיס דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וְכוּ'; אַ שָׁאד דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט הֶערְן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק.

הַיינְט נַאכְט קוּמְט מֶען זִיךְ צַאם אִין שְׁטֶעטְל, מָארְגְן וֶועט זַיין אִין יְשִׁיבָה; מַאךְ אַלֶעס גְרֵייט אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען. דוּ וֶועסְט זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן; זִי וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, פְרֵיילִיךְ, פְרִישׁ, גְרֵייט פַאר דִיר וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בַּר מִצְוָה אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דִי שְׁאֵלָה אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁאֵלָה וָואס מֶען דַארְף פְרֶעגְן ... נֵרוֹ יָאִיר, וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אִים מֶער צוּם הַארְצְן - אַזוֹי זָאל מֶען טוּן.

עֶר אִיז אַ לִיכְטִיגֶער קְלוּגֶער בָּחוּר, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּטֶע מִדוֹת, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן אִים.

עֶס אִיז גוּט אַז אִיר מִיט אַייעֶר מַאן זָאלְן עֶס דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים, אוּן זֶען וָואס עֶר וִויל עֶנְדֶערְשׁ; אַ סְעוּדָה אוּם חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח מִיט דִי מִשְׁפָּחָה (פֶּסַח אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַ סְעוּדָה פַאר חֲבֵרִים, פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט), מֶען קֶען רוּפְן חֲבֵרִים, בַּאקַאנְטֶע אוּן גֶעבְּן פְּרוּכְט אוּן נִיסְלֶעךְ, דִי זַאכְן וָואס מֶען עֶסְט בַּיי אַנְדֶערֶע; אָדֶער אַ בַּר מִצְוָה נָאךְ פֶּסַח.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיךְ, זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. זֵיי לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, זֵיי פָאלְגְן דִי עֵצוֹת; וָואס נָאךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן? דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע רַייכְטוּם; זֶען וִוי דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר פָאהְרְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאגְט דִיר בְּפֶה מָלֵא אַז דוּ קֶענְסְט פָאהְרְן קַיין אוּמַאן - קֶענְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט דִינְגֶען אַ בֶּעט; וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט טַאקֶע קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי יָאר אוּן אַלֶע יָארְן; דוּ, דַיינֶע דוֹרוֹת אוּן אַלֶע אִידְן.

בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתִי וֶוען עֶס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת צוּ פָאהְרְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ פְלֶעג דֶערְצֵיילְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ מַיינֶע מְנִיעוֹת, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר פְרֶעגְן: "וָואס זָאגְט דַיין וַוייבּ? דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים זָאלְסְט פָאהְרְן?" וֶוען אִיךְ פְלֶעג עֶנְטְפֶערְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "מַיין וַוייבּ אִיז מִיט מִיר, זִי ווִיל אִיךְ זָאל גֵיין צוּם רֶבִּי'ן" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאגְן אַלֶע יָארְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "זָאלְסְטוּ אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אוּן אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י. פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף לִימּוּד חוּמָשׁ רַשִׁ"י. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכַל פוּן רַשִׁ"י"; אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָּל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִּיקִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט אִין מְחַבֵּר (סִימָן רפה, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י; אַז

דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ יְרֵא שָׁמַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָּשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן".

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארוּמֶען, וֶוען מֶען זֶעט אַ אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, זָאגְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף אִים: "דוּ בִּיסְט אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֵייגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, וַוייל דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה".

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט, אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", וָואס דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "מִשְׁנָה"; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת - נֶעמְט דָאס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דַיין דְרִיטֶע שִׁיעוּר זָאל זַיין אִין גְמָרָא; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ'לֶע בֶּעלְזֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן טַאטְ'ן דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַז מֶען לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא מִיט רַשִׁ"י, אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר הַצְלָחָה"; אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן גֶעלֶעגְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ לוֹיף אַרַיין צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֶע אַז דִי גֶעסְט זָאלְן גֵיין דַאוֶּוענֶען אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ נֶעמְסְט גֶעסְט. אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ זַיין שַׁבָּת, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ טוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): ״הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים״, אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אִיז אַ זְכוּת פַאר קִינְדֶער; אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אוֹיבּ דוּ נֶעמְסְט בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, אָדֶער יוֹצְאֵי יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ זֶען זֵיי זָאלְן קוּמֶען דַאוֶּוענֶען אִין שׁוּל; סְתָּם צוּ נֶעמֶען גֶעסְט צוּ עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן שִׁיכּוֹרְ׳ן, אָן דַאוֶּוענֶען, אָן קוּמֶען אִין שׁוּל - אִיז ״יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ״, אַ בְּחִינָה פוּן (אָבוֹת ה, יב): ״מַהֵר לִשְׁמֹעַ״, אָבֶער ״מַהֵר לְאַבֵּד״; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ נֶעמֶען גֶעסְט, הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, נֶעמֶען גֶעסְט; אָבֶער נָאר אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען אוּן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְּקוּת.

פָאריגֶע וָואךְ שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אַפָּאר בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִיר אוֹיף שַׁבָּת אוּן נִישְׁט גֶעקוּמֶען דַאוֶּוענֶען אוּן הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן דַוְקָא; וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, - זֶעט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַצְלָחָה אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, מֶען הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן מִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה. וֶוער עֶס הֶעלְפְט דִי יְשִׁיבָה בַּאקוּמְט אַ פְּרָאצֶענְט פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ; עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן פוּן זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער וָואס זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, חַזֶר זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט דִי אֱמוּנָה: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים״.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן ׳מֶען הָאט פַארְגֶעסְן פוּן מִיר׳; חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן ׳מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט׳; אָדֶער דִי טְרֵיפָה׳נֶע מַחֲשָׁבָה אַז ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר׳; דִי מַחֲשָׁבָה אִיז טָמֵא וּמְטַמֵּא, דָאס אִיז מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, מֶען הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, אִיךְ בִּין יָא וֶוערְד׳.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ!

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט: ״נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא צַעַר ווִי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר״; מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט, זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעשְׁרִיבְּן חִיזוּק פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ.

אִיךְ וֵייס דַיין צַעַר, אִיךְ זֶע דַיין הַארְץ; דוּ ווילְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ ווילְסְט נִישְׁט זַיין אַלֵיינְס. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַן עֵצָה, מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, דִי עֵצָה אִיז: בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ; זָאג דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וויל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וויל שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג חֲתוּנָה הָאבְּן. בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען מֶער דֶערְהַאלְטְן. הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר חִיזוּק - אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם".

טַייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ טוּ פַאר דִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; עֶס קוּמְט אָט אָט גוּטֶע צַייטְן.

...

## "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט, אוּן דָארְט זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת?

"הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט; נִישְׁט אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, זִי וויל בְּלַייבְּן וואוֹינֶען מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן. מַאךְ דָארְט אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"; נֶעם צַאם חֲבֵרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן שְׁטַארְק זִיךְ מִיט זֵיי. מַאךְ אַ חֲבוּרָה אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן

מַאכְן אַ שׁוּל; הוֹיב אָן מִיט שָׁלשׁ סְעוּדוֹת; מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייט, און לֶערְן אַ בְּרִיוּר פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אַז דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ - דָאס אִיז גוּט, מֶען מֶעג זִיךְ בֶּענְקֶען און מֶען דַארְף זִיךְ בֶּענְקֶען. קֶענְסְט קוּמֶען מְזַמֵּן לִזְמַן, עֶס לוֹינְט זִיךְ זָאלְסְט קוּמֶען שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא; מִיר מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַ סִיוּם אוֹיף סֵדֶר מוֹעֵד פוּן שַׁ"ס, נֶעם אַ שְׁטוּב פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

בְּלַייב דָארְט וואוֹינֶען; עֶפְן דָארְט אַ שׁוּל מִיט מוֹסְדוֹת.

...

### לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס נֶעם זִיךְ פָאר צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן און לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעמַאכְט, דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן דִי עֶקְסִידֶענְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק; דִי קַאר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, און דוּ בִּיסְט לֶעבֶּעדִיג, גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק; זֶע צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל.

לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען מוֹסִיף צוּ זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת - שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דַוְקָא.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז' - מְזַבּוּב וְעַכָּבִישׁ) כָּל זְמַן דֶער בְּלַאט בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ - דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן לִימּוּד דַף גְמָרָא בְּכָל יוֹם.

...

## שַׁדְכָנוּת אִיז אַכְצְן דָאלֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַכְצְן דָאלֶער שַׁדְכָנוּת גֶעלְט אוּן פַאר דִי טוֹיזְנְט דָאלֶער אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב.

עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר מַמָּשׁ ווִי מָן פוּן הִימְל. אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר מַיין וַוייבּ; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְויסְט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ עֶנְדִיג בֶּעטְן קוּמְט דַיין זוּן מִיט דִי עֶנְוֶועלָאפּ; אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה!

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ הָאלְסְט דִי תַּקָּנוֹת, אַז שַׁדְכָנוּת אִיז אַכְצְן דָאלֶער. אִיךְ בֶּעט פַאר אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס אִיךְ בִּין שַׁדְכָן - ח״י דָאלֶער. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם ווִינְטֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעקוּמֶען הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּן הַצַּדִּיק רֶבִּי שְׁמוּאֵל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שַׁדְכָן בַּיי זַיין יוּנְגְסְטֶע טָאכְטֶער, - אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט ווִיפִיל מֶען דַארְף גֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן ח״י דָאלֶער.

דַיין זוּן לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג; זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, זַיינֶע מִידוֹת, זַיין דֶערְוואקְסְנְקֵייט - אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט פָּשׁוּט, הַפְלֵא וָפֶלֶא; עֶר אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר אַ שִׁידוּךְ. אוֹיבּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין גְרֵייט צוּ הֶערְן אַ שִׁידוּךְ ווִיל אִיךְ דִיר אָנְטְרָאגְן אַ וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא; לָאז מִיר ווִיסְן.

...

## פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אוֹיף דִי עֲוָלוֹת פוּן אִיר מַאן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, וָואס אִיז מָרַת ... שׁוּלְדִיג אַז אִיר מַאן הָאט אַייךְ גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז מִיט טוֹיזְנְט פְּרָאבְּלֶעמֶען?! וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג אַז אִיר מַאן אִיז אַ גַנָּב? וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג אַז זִי הָאט אַ מַאן אַ פַארְבְּרֶעכֶער?!

איך פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ, אַז איר זֶענְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר מֶקַח - הָאט אִיר צְוֵויי בְּרֵירוֹת; אָדֶער רוּפְט אִים צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן וָואס בֵּית דִין וֶועט פַּסְקְ'עֶנֶען וֶועט מֶען מְקַיֵּים זַיין, אָדֶער קֶענְט איר פַארְקוֹיפְן דִי הוֹיז אוּן קוֹיפְן פוּן אַ גוֹי, אָדֶער זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן אוּן עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל; אָבֶער פָארְהַאלְטְן דִי פְּרוֹי אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן.

אִיךְ לַייד פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, צֶענְדְלִיגֶער מָאל הָאבְּן פְּרוֹיעֶן מִיר וֵויי גֶעטוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ מַיין וַוייבּ אוּן אִיר פָארְהַאלְטְן: "פַארְוָואס טוּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַזוֹי?" "פַארְוָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַזוֹי?" וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן אִיךְ זֶע מַיין וַוייבּ וֵויינֶען - וֵוייס אִיךְ שׁוֹין מִיט וֶועם זִי הָאט הַיינְט גֶערֶעדְט...

מַיין וַוייבּ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שְׁוַואכֶע, זִי הָאט מִיר אַלְץ נָאר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. זִי אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּזְיוֹנוֹת; וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה הָאט מֶען אַרוּם גֶעשִׁיקְט בְּרִיוו פַאר אַלֶע שְׁכֵנִים מֶען זָאל אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט אוֹיף דִי פָּאסְט פַאר דִי גַאנְצֶע גַאס בְּרִיוו אִין אִידִישׁ אוּן אִין עֶנְגְלִישׁ (מִיר הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פוּן אַלֶע בְּרִיוו אוּן פַּאשְׁקֶעוִוילְן). אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט הַפְגָּנוֹת קֶעגְן מַיין וַוייבּ, מֶען הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עַד הַיּוֹם וֶוען מַיין וַוייבּ דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן דִי טֶעג - וֵויינְט זִי, אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט אִיר שְׁוַואךְ גֶעמַאכְט, עֶס הָאט וֵויי גֶעטוּן אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט; אָבֶער וֶוען נָאנְטֶע חַבֶרְ'טֶעס, נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי רוּפְן אוּן הוֹיבְּן אָן רֶעדְן צוּ אִיר קֶעגְן אִיר מַאן - דָאס קֶען זִי נִישְׁט נֶעמֶען. זִי פְרֶעגְט מִיךְ אַסַאךְ מָאל: "זָאל אִיךְ צוּרִיק פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן זֵייעֶר מַאן וְכוּ'?" מִיר טוּעֶן דָאס נִישְׁט, מִיר טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט אַנְדֶערֶע.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער בּוֹיעֶר הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען אִים זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, מִיר הָאבְּן נָאר הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְ'ן אוּנְז בּוֹיעֶן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע הוֹיז. בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִיז אוֹיךְ דָא זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן; וָואס

הָאט דָאס מִיט יֶענֶעם? דָאס הָאט מִיר מִיר אַלֵיינְס; מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן.

דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס בּוֹיט דִי הַייזֶער אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט קַיין גַּנָּב, נִישְׁט קַיין פַארְבְּרֶעכֶער, עֶר אִיז זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אִין גֶעלְט. עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וָואס פַּאסִירְט נָאכְן קוֹיפְן, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף; אָבֶּער דָאס צוּ טוּן מִיט זַיין וַוייבּ, אִיר וֵוייטוּן, אִיר טְשֶׁעפֶּען - אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַוְלָה! טְרַאכְטְס וִוי אַזוֹי אִיר וָואלְט גֶעשְׁפִּירְט וֶוען מֶען זָאל אַייךְ אָנְהוֹיבְּן זָאגְן זַאכְן אוֹיף אַייעֶר מַאן; נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תֵּירוּץ דָאס צוּ טוּן!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוּן אִיךְ בֶּעט אַלֶע פְרוֹיעֶן, הֶעלְפְט מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, שְׁטֶעלְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין פִּיסְלֶעךְ, לֵייגְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער שְׁטֵיינְדְלֶעךְ; אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, אַ פְּלַאץ פוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת; פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ בַּייסְן.

וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ גֶענְק גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]: "אוֹיבּ וֶועט זַיין אַחְדוּת צְוִוישְׁן אַייךְ - וֶועלְן אַלֶע גוֹיִם פַארְקוֹיפְן פַאר בִּילִיג"; אָנְהוֹיבּ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט הַייזֶער מַמָּשׁ בְּחִנָּם, יֶעצְט גֵייעֶן דִי פְּרַייזְן אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דִי שְׁכֵנִים ווִילְן נִישְׁט פַארְקוֹיפְן; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? מִיר אַלֵיינְס, מִיר בַּייסְן זִיךְ, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן.

אִיךְ עֶנְדִיג מִיט אַ תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַריינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ".

אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין דִי פְּרַייז פוּן דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הֱיוֹת עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין סַאךְ דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל אוּן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת ווִילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי פְּרַייז זָאל נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין, וַוייל אַז עֶס אִיז דָא מֶער מֶענְטְשְׁן ווִיפִיל דִירוֹת עֶס אִיז דָא, אוּן יֶעדֶער ווִיל הָאבְּן דִי דִירָה, מֶען אִיז גְרֵייט צוּ גֶעבְּן מֶער גֶעלְט אַבִּי צוּ הָאבְּן דִי דִירָה - גֵייט אַרוֹיף דִי פְּרַייז.

דֶערִיבֶּער הָאט דִי הַנְהָלָה גֶעמַאכְט אַ וַעַד אַז וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל; סֵיי קוֹיפְן, סֵיי דִינְגֶען - מֶעלְדְט זִיךְ צוּ דִי וַעַד, אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אַז דִי פְּרַייזְן זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין.

וֶוען דֶער שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל, מֶען וֶועט נָאר זֶען דָאס גוּטְס בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ׳ס לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן יֶענֶעם מִיט קָאכְן, בַּאקְן, נֶעמֶען יֶענֶעמְ׳ס קִינְדֶער וְכַדוֹמֶה - וֶועלְן אַלֶע שְׁכֵנִים פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרֶע הַייזֶער פַאר בִּילִיג.

דִי וַעַד הָאט גֶעשְׁטֶעלְט הָאבְּרֵךְ ... פַאר וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן אַ הוֹיז, פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

... אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּענְק צוּ הֶערְן אַז מֶען לֶעבְּט בְּאַחְדוּת אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען קוּקְט גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן; אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל.

...

... חַזֵר אִיבֶּער מִיט זֵיי וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, "אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן דֶער שְׁטֶעטְל וֶועט זַיין אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן"

...

... דִי הַצְלָחָה אִיז תָּלוּי נָאר אִין עֶנְק; אוֹיבּ וֶועט אִיר לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וֶועט

איר מַצְלִיחַ זַיין, עֶס וֶועט זַיין אַ פְּלַאץ וואו מֶען וֶועט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט זַיין אַ מָקוֹם פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה דָארְט.

...

... גֶעב אִיבֶּער פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס רוּפְן דִיר, זֵיי וִוילְן קוֹיפְן הַייזֶער, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן סַבְלָנוּת פַאר זֵייעֶר טוֹבָה; אוֹיב מֶען וֶועט וַוארְטְן וֶועט מֶען קֶענֶען קוֹיפְן הַייזֶער פַאר זֵייעֶר בִּילִיג.

...

... אַז מֶען וֶועט זִיךְ לִיב הָאבְּן וֶועט זַיין שֶׁפַע אִין שְׁטֶעטְל, עֶס וֶועט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

[...]

**וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן פוּן קִנְאָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי פְרוֹי מָרַת ... אַז זִי זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַייךְ פוּן דִי הוֹיז וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַייעֶר מַאן. שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט אִים; וָואס קֶען מֶען טוּן, עֶס פְלַאקֶערְט קִנְאָה, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְקַנֵּא, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע; קוּקְט נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַייךְ.

מִיט מַיין וַוייבּ טוּט מֶען דָאס אוֹיךְ. יֶעדֶעס מָאל זִי דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אֵיינֶער הָאט אִיר וֵויי גֶעטוּן, זָאג אִיךְ אִיר: "דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, וָואס יָא צוּ זָאגְן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ זָאגְן".

קוּקְט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה בִּנְיָן, אַלֶע קֶעמְפְּס הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט דִי מַצָּב, מֶען הָאט אַלֶע יָארְן גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף אִים; וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער? אַלֶע גוּטְס וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי פְּלַאץ וֶועט אִיר הָאבְּן גוּטְס אִין אַייעֶר אַקַאוּנְט.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן פַּארְ'ן קִינְד אַ צוּמִי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן פַּארְן קִינְד אַ צוּמִי; עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט מִיט דִי צֵיינֶער, דָאס אִיז בַּאבֶּע מַעֲשִׂיּוֹת.

וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אַז אַייעֶר עֶלְטֶער בַּאבֶּע הָאט אַייךְ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן אִיר שְׁטוּבּ וַוייל אִיר גֶעבְּט אַ צוּמִי פַאר אַייעֶר קִינְד, זַייט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט; אַן אַנְדֶערֶע מָאל וֶוען אִיר גֵייט אִיר בַּאזוּכְן זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַוֶועקְצוּלֵייגְן דִי צוּמִי, אַזוֹי וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

אַז דִי עֶלְטֶער בַּאבֶּע שְׁרֵייט: "נִישְׁט גֶעבְּן דִי צוּמִי" - אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ; אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אַ קָאפְּל, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר; דֶער מַאן שְׁרֵייט אַז דִי צוּמִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶס פַּארְדְרֵיידְט דִי צֵיינֶער, דִי פְרוֹי וָואלְט נָאכְגֶעגֶעבְּן דֶעם מַאן, זִי זוּכְט נִישְׁט דַוְקָא יָא צוּ גֶעבְּן אַ צוּמִי, זִי זוּכְט נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, אָבֶּער וָואס זָאל זִי טוּן אַז זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי וִויל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, פַאר אַפָּאר מִינוּט זִיךְ קֶענֶען פַארְמַאכְן אִירֶע אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶע אוֹיגְן - גֶעבְּט זִי אַ צוּמִי דֶעם קִינְד, קוּמְט דֶער מַאן אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי צוּמִי, מִיטְ'ן טַעֲנָה אַז דִי צֵיינֶער גֵייעֶן וַואקְסְן קְרוּם. הוֹיבְּט דָאס קִינְד אָן וֵויינֶען, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, וֵויינְט דִי מַאמֶע צוּם מַאן: "לָאז מִיךְ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, לָאז מִיךְ אָטֶעמֶען", אִיךְ פְּרוּבִּיר רֶעדְן מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר מִיר: "דֶער

רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט - וְוִי שֶׁעדְלִיךְ אַ צוּמִי אִיז".

דָאס אִיז אַ צָרָה; אַז מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם וֶועגְן אַ צוּמִי - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם. בַּיי אַייעֶר פַאל אַז אַייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיר טוּט, נָאר דִי עֶלְטֶער בַּאבֶּע, זִי הָאט אַייךְ גֶעהֵייסְן אַהֵיים גֵיין וְכוּ', - זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין בַּאלֵיידִיגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעדֶענְק דֶעם כְּלַל, דִי אַלֶע וָואס בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע, וֶוען דוּ זִיצְט נִישְׁט בַּיים שְׁמוּעֶס - בַּארֶעדְט מֶען דִיךְ. וֶוער נִישְׁט צוּקָאכְט וֶוען דוּ הֶערְסְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, דִי רֶעדְן אוֹיף דִיר דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען דוּ הֶערְסְט נִישְׁט.

אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַנְדֶערֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ט): "וְתוֹעֲבַת לְאָדָם לֵץ", דֶער לֵץ אִיז פַארְמִיאוּסְט בַּיי אַלֶעמֶען, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי מֶענְטְשְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כג.): "אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם", דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, "לֹא הָיוּ נִכְנָסִין בַּסְּעוּדָה, אֶלָּא אִם כֵּן יוֹדְעִין מִי מֵיסֵב עִמָּהֶן", הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעצְט עֶסְן אַ סְעוּדָה מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט; גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים עֶסְן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, אָדֶער רֶעדְט מֶען אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם; דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וואוּ זֵיי עֶסְן, מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "דַּע, שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָתָם שֶׁל

יִשְׂרָאֵל נַעֲשֶׂה יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ אַפִּין בְּאַפִּין", בַּיים עֶסְן אִיז אַ צַייט פוּן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ אַפִּין בְּאַפִּין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (רות ב, יד): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם [...] תִּקְרֶבְתָּא מַלְכָּא בְּמַלְכָּא".

אֲפִילוּ צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע לֵצִים; דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, דָארְט וואוּ מֶען בַּארֶעדְט מֶענְטְשְׁן - פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיף!

דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאף, (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵצָנוּת, סִימָן א): "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת [...] אִשְׁתּוֹ מוֹשֶׁלֶת בּוֹ", דִי וַוייבּ גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אִים; אַז דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַלֶע לֵצִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע מוֹיל מַאכֶערְס אִינְדְרוֹיסְן, אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר דִי וַוייבּ, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

פְרֶעג אִיךְ דִיר, דוּ דַארְפְסְט דָאס? דוּ שְׁטֵייסְט אִין שִׁידוּכִים - זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם דוּ חַבֶר'סְט זִיךְ, זוּךְ אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס רֶעדְן נִישְׁט פוּן יֶענֶעם.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com